בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


קֶען אִיךְ מַאכְן אַ גִּלְיוֹן פוּנֶעם סֵפֶר "זֹאת הַתּוֹרָה"?..............א

ווי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען?..........................................................................ב

וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל?....ז

אִיךְ וֶוער זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?.......................................................ט

אוֹיבּ אַלֶעס טוּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ בִּכְלַל בַּאהִיטְן?..........................................................י

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט לִיבּ בְּרֶסְלֶב?............יג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אִיךְ וִויל הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם..א

אִיךְ בַּאקוּמְט אַ וואוּילֶער חָתָן.........................................ב

בֶּעט אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ מִיט שִׂמְחָה.....................................ב

זָאלְסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן עֶרְלִיךְ .........................................ג

מִיט שִׂמְחָה וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין אַלֶע מַחְלוֹת...........................ג

וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ .................ד

אַ שָׁאד אַרוּמְצוּגֵיין אַזוֹי לַאנְג מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל ...............ד

טֵייל אוֹיס דִי בְּרִיווּ פַאר דִי בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת.................ה
תְּפִלָּה אִיז זָאגְן פְּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ...............ו
הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, הוֹיבּ אָן אַ מַסֶכְתָּא 101 מָאל ..............ז
נֶעם נִישְׁט אַרַיין קִינְדֶער פַאר צַייטְוֶוייליְג.........................ח
מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם מַסֶכְתָּא.....................................ח
אַ קִימְפֶּעטָארְן דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן ...................................ט
נֶעם נָאר מֶענֶער פַאר אַרְבֶּעטֶערְס...................................י
אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אִיבְּרִיג צַייט צוּ רֶעדְן מִיט יֶעדְן.............יא
אַז מֶען שְׁווִימְט נִישְׁט בִּצְנִיעוּת, קֶען מֶען נִישְׁט נוּצְן דִי שְׁווִים בַּאסֵיין ..........................................................................יב
פִיר זִיךְ צְנִיעוּת'דִיג אַזוֹי וִוי דַיין מַאמֶע הָאט דִיר גֶעלֶערְנְט...יג
דֶערְמַאנְט אַייךְ וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט דַיין וַוייבּ דִיר לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן...................................יד
אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע גְרוּסְן ..........................טו
רֶעדְטְס צוּ אַייעֶר מַאן זֵייעֶר אָפְּן ...............................טו
אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ דוֹר פוּן רֵיינֶע הֵיילִיגֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת ...........................................................טז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קֶען אִיךְ מַאכְן אַ גִּלְיוֹן פוּנֶעם סֵפֶר ״זֹאת הַתּוֹרָה״?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק מַאכְן הֲפָצָה, עֶס אִיז מִיר אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוּם צוּ גֵיין מִיט קוּנְטְרֵסִים. לֶעצְטְנְס הָאב אִיךְ גֶעזֶען אַ סֵפֶר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ "זֹאת הַתּוֹרָה" אוֹיף דִי פַּרְשִׁיּוֹת הַשָּׁבוּעַ, אִיז אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ דָאס מַאכְן אוֹיף אַן אוֹיסְשְׁטֶעל ווִי אַ גִּלְיוֹן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אוֹיף צוּ טוּן הֲפָצָה דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין רְשׁוּת פוּן קֵיינֶעם; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז זַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען מַתָּנוֹת פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס דְרוּקְן אוּן וֶוער עֶס וֶועט דָאס דְרוּקְן וֶועט וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.**

**דָא הָאסְטוּ פַאר דִיר דֶעם שְׁטִיקְל פוּן צַוָואַת מוֹהֲרָא״שׁ (אוֹת יז): ״דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט אָפְּדְרוּקְן דִי אַלֶע בְּרִיוְון אוּן מֶען זָאל עֶס אִיבֶּערְדְרוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוֹיף דִי אַלֶע סְפָרִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן: ״כָּל הַזְּכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת״, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז נָאר עֶר הָאט דִי רֶעכְט דָאס צוּ דְרוּקְן. נָאר יֶעדֶער מֶעג אוּן קֶען עֶס דְרוּקְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״ וֶועט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. דִי בְּרִיוְון הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן**

**אִינְגֶעלַייט, אוּן וואוּיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

**וִוי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב יֶעצְט גֶעלֵיינְט אַ קוּנְטְרֵס פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וואוּ עֶר בְּרֶענְגְט זֵייעֶר שַׁארְפֶע מַאֲמָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן. הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, הֲגַם אַז מִיט דִי חִיזוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בִּין אִיךְ זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוּן אִיךְ גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַמָאל אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאךְ קֶענֶען בַּאוַוייזְן, ווִיל אִיךְ אָבֶּער ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף לְשֶׁעָבַר, אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאב אַמָאל עוֹבֵר גֶעוֶוען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ אַז עֶס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דֶעם כּוֹחוֹת הַטּוּמְאָה וָואס לוֹיפְן נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אִיז דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מְבַטֵּל צוּ זַיין דִי כּוֹחוֹת הַטּוּמְאָה, אָדֶער אִיז דָאס שׁוֹין פַארְפַאלְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**נָאר דֶער רֶבִּי הָאט דִי כֹּחַ אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית; וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע**

עֲבֵירָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, עֶס אִיז עֶרְגֶער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת; אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כג, סְעִיף א): "עָוֹן זֶה חָמוּר מִכָּל עֲבֵירוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה", דִי עֲבֵירָה אִיז הַארְבֶּער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרךְ דִי עֲבֵירָה, מֶען וֶוערְט קְרַאנְק, אַלְט אוּן שְׁוַואךְ. דֶער שָׁאדְן וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רמ, סְעִיף יד): וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו, וְכֹחוֹ תָּשֵׁשׁ" - וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, פַארְעֶלְטֶערְט אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי כּוֹחוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ: "עֵינָיו כֵּהוֹת, וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", דִי אוֹיגְן וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶס הֵייבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן מוֹיל; "וְשַׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּן קָאפּ פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ וֵוייטָאג אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה; דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְּט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער וָואס וַוארְפְּט אַרוֹיס דִי טְרָאפְּלֶעךְ פוּן מֹחַ, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָּל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען בַּאקוּמְט שׂוֹנְאִים; מֶען בַּאשַׁאפְט קְלִיפּוֹת וָואס זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִינֶעם מֶענְטְשׁ, זֵיי מַאכְן שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן כו): "עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, "בּוֹרֵא קְלִפּוֹת", טוּט מֶען בַּאשַׁאפְן קְלִיפּוֹת, "הַמִּתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו", דִי קְלִיפּוֹת גֵייעֶן אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, "וְעוֹשִׂין לוֹ יִסּוּרִין",

און זֶענֶען אִים מְצַעֵר.

דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען פַארְלִירְט אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן; עֶס וֶוערְט טוּנְקֶל, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי אֱמוּנָה קִילְט זִיךְ אָפּ; מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען גֵייט אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, בִּיז מֶען וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְן. מֶען וֶוערְט אַ בֵּייזֶער מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט. מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח ע"א; וַיְחִי ריט.): "מַאן דְאוֹשִׁיד זַרְעָא בְּרֵיקַנְיָא חַס וְשָׁלוֹם, אֵין מוֹעִיל תְּשׁוּבָה", וֶוער עֶס אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה; מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן פוּן אַלֶעס, מֶען גֵייט אַרוּם מְיוּאָשׁ.

נָאכְן הֶערְן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אִיז דָאךְ זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ; וִוי הֵייבְּט מֶען אָן? וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען הָאט לֵיידֶער יָא עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי עֲבֵירָה? וָואס קֶען מֶען טוּן נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטְרָאפְן? אוֹיף דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז און אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוּנְז אוֹיף פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער און מִיט זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר אוּנְז צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ, און אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט קֶען נָאךְ יָא תְּשׁוּבָה טוּן און קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; אַז מֶען וֶועט פְרֶעגְן: 'וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע סְפָרִים זָאגְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה?' דָאס פְּרֶעגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין הֲלָכָה ד, אוֹת ד): "וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, און דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה?" זָאגְט רֶבִּי נָתָן, "בֶּאֱמֶת הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף, נָאר וִויבַּאלְד דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַייסְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסָיוֹן, דֶער נִסָיוֹן אִיז אַז מֶען זָאגְט אִים עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, עֶר דַארְף הֶערְן וִוי מֶען זָאגְט אִים 'דוּ קֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן'; אוֹיב הָאט עֶר שֵׂכֶל און עֶר זָאגְט 'עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט אָן, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף

קֵיין שׁוּם פַאל, צִי מֶען דַארְף מִיר יָא צִי מֶען דַארְף מִיר נִישְׁט, אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּטֵיילְן, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, נִישְׁט קֵיין חִילוּק צִי אִיךְ וֶועל יָא וֶוערְן אַ צַדִיק צִי נִישְׁט, נִישְׁט קֵיין חִילוּק צִי אִיךְ וֶועל זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען מַיין גַאנְץ לֶעבְן אָדֶער נִישְׁט', אַזַא אֵיינֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל אוּן זָאגְט 'אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ בִּין דֶערְנָאךְ', בְּלַייבְּט עֶר אִינְדְרוֹיסְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ".

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, הִיט אָפּ דַיינֶע אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת אוּן הִיט זִיךְ פוּן טוּן עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, בִּפְרַט אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶועסְטוּ מְבַטֵּל זַיין אַלֶע קְלִיפּוֹת. נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל פַארְבְּרֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת וִוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶוערְן דִי קְלִיפּוֹת בָּטֵל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְּאַרְעָא, זֵיי וֶוערְן אוֹיס, וִוי דִי שְׁטוֹיבּ פוּן דִי עֶרְד. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה

וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, דֶערְפַאר אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אִין אָנְהֵייבּ וָואס דוּ לֶערְנְסְט, נִיטְאַמָאל עִבְרִי מִיט טַייטְשׁ קֶענְסְטוּ, זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין".

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן אַ תִּיקוּן פַאר עֲבֵירוֹת, עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר בְּלַאט פוּן סֵפֶר הַתִּקּוּנִים; וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן תִּיקוּנֵי זוֹהַר וַואשְׁט עֶס אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְלֶעקְן.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִתְוַדֶּה זַיין; יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן אַיינְגֶעקְרִיצְט דִי עֲבֵירוֹת אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם [חֲקוּקָה] עַל עַצְמוֹתָם", אוּן דָאס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד). זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מוֹחֵל, פַארְגֶעבּ מִיר מַיינֶע זִינְד, אִיךְ וִויל זַיין גוּט; אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ זָאג דִיר צוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ טוּן מֶער קַיין עֲבֵירוֹת".

דָאס זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג; אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר אֵיין צַייט אִין טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּן צֶעבְּרֶעכְן דַיין הָארְץ. וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּמֶעקְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרִיוו אִיבֶּער וָואס צוּ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי יְמֵי בֵּין הַמְּצָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעפָּאלְגְט אַלֶעס וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען. יְיַשֶׁר כֹּחַ.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְט ווִי אַזוֹי אוּן וָואס מֶען זָאל רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, מַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען אַכְט יָאר אַלְט, אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַפָּאר וֶוערְטֶער לְתוֹעֶלֶת דִי תַּלְמִידִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין דִיר אַזוֹי מְקַנֵּא מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דוּ זִיצְט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע נְשָׁמוֹת, אַכְט יֶעריגֶע קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאךְ נִישְׁט פוּן קֵיין פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן, זֵיי שְׁלִינְגֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מְלַמֵּד זָאגְט, יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵּד גֵייט אַרַיין טִיף טִיף אִין זֵייעֶרֶע רֵיינֶע הֶערְצֶער.

אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע הַקְדָּמוֹת, עֶר וֵוייסְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן וָואס צוּ רֶעדְן - קֶען עֶר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, זֵיי וֶועלְן ווִיסְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען זָאל אִים צוּזָאגְן אַז מֶען גֵייט זַיין ווָאוֹיל. לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי עֶר ווִיל נָאר גוּטְס, עֶר ווִיל נִישְׁט שְׁטְרָאפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּרִיק

צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; וִוי וַוייט מֶען אִיז פַארְקְרָאכְן קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעד נִישְׁט צוּ זֵיי קַיין הוֹיכֶע זַאכְן; עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִיקִים פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים. רֶעד צוּ זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס פְּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער: "אִיךְ וִויל זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה", וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַד שֶׁהֵם מִתְוַדִים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בֵּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען אַ חַבֵר; וַוייל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶּער עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ - אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְרַצֶה אֶת חֲבֵירוֹ (יוֹמָא פה:), אוֹיב מֶען טוּט וֵויי אַ צְוֵוייטְן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה נָאר מֶען מוּז יֶענֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן יֶענֶער דַארְף מוֹחֵל זַיין.

זָאלְסְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ חַבֵר אוּן נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ חַבֵר; קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי דֶערְפוּן וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט, אוּן אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט קֶענֶען זֵיי נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פַארְשֶׁעמֶען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן אַלֶעס אִיז דֶער מְלַמֵד שׁוּלְדִיג, וַוייל מֶען רֶעדְט נִישְׁט גֶענוּג פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בְּלָאזְן שׁוֹפָר, וִוי דֶער שָׂטָן וֶוערְט דֶערְפוּן צֶעטוּמְלְט אוּן צֶעמִישְׁט; אַ גַאנְץ יָאר גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן פֶּעק אוּן זֶעק פוּן עֲבֵירוֹת, עֶר וַוארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ קוּמֶען טַעְנֶה'עֶן קֶעגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר וֶוערְט עֶר אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מֶען גֵייט אִים שׁוֹין שֶׁחְטְ'ן - לוֹיפְט עֶר אַוֶועק, עֶר לוֹיפְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אָבֶּער דִי פָּאר פּוּנְקְטְן זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג; דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט, דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ וֶוער זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ לֶערְן אַ גַאנְצְן טָאג, הָאבּ אִיךְ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אוּן דָאס מַאכְט מִיר אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? זָאל אִיךְ לֶערְנֶען אַבִּיסְל וֵוייניגֶער, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע שִׁיעוּרִים? אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען קֶען זִיךְ קוֹים רִירְן?

דָאס אִיז מִיר וִויכְטִיג אוֹיךְ פַאר מַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן כז), אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ סַאךְ, וַוייל אַז מֶען נֶעמְט אוֹיף זִיךְ צוּפִיל קֶען מֶען נָאכְדֶעם אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

נֶעם נִישְׁט אוֹיף זִיךְ צוּ סַאךְ שִׁיעוּרִים וַוייל נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס אָפְּלָאזְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ קֶענֶען, מֶען דַארְף וויסְן בִּיז וִויפִיל מֶען קֶען לֶערְנֶען. לֶערְנֶען דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס דַארְף זֶעטִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ וֶוערְט מֶען אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע פוּן לֶערְנֶען קֶען זַיין אַז עֶס אִיז צוּפִיל.

זֶע צוּ עֶסְן גוּט אוּן שְׁלָאפְן גֶענוּג אוּן אוֹיךְ אַבִּיסְל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען; גֶעבּ

אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין גֶעזוּנְט נִישְׁט אִיבֶּערְרַייסְן דֶעם שְׁטְרִיק. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִינֶעם גוּף אִיז אַ גְרוֹיסֶער לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה"; וַוייל וָוען מֶען אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - קֶען מֶען נָאכְדֶעם אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּפַאלְן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פד): "תִּקּוּן הַגּוּף קוֹדֶם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן קוֹדֶם אַז זַיין גוּף זָאל זַיין רוּאִיג אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, נָאכְדֶעם זָאל עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין נֶפֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אוֹיב אַלֶעס טוּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וְוִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ בִּכְלָל בַּאהִיטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שִׁיעוּרִים אִין לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, הַלְוַאי זָאל זַיין יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר אִין לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ וְוִיל פַארְשְׁטֵיין אַן עִנְיָן אִין אֱמוּנָה, פוּן אֵיין זַייט וֵוייסְן מִיר דָאךְ אַז קֵיינֶער קֶען אוּנְז שְׁלֶעכְטְס טוּן אָדֶער גוּטְס אָן רְשׁוּת פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ לְמָשָׁל וְוִי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַסַאךְ אַז מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרָאסְטְן קַיין מֶענְטְשְׁן, סְפֶּעצִיעֶל מִיט גֶעלְט זַאכְן, לִכְאוֹרָה וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט זָאגְן אַז מֶען זָאל זִיךְ פִירְן נָארְמַאל, אוּן אוֹיב וֶועט קוּמֶען אֵיינֶער וָואס וְוִיל מִיר בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען, וֶועט עֶר דָאךְ סַיי וְוִי מִיר גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן אוֹיב אִיז נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְּן.

בֶּאֱמֶת אִיז דִי שְׁאֵלָה מֶער בִּכְלָלִיוּת אוֹיךְ, לְמָשָׁל וָוען עֶס קוּמְט צוּ פַּרְנָסָה אָדֶער אַנְדֶערֶע הִשְׁתַּדְלוּת וָואס מֶען טוּט אִין לֶעבְּן; אוֹיב וֶועט סַיי וְוִי אָנְקוּמֶען צוּ מִיר אַלֶעס וָואס קוּמְט זִיךְ מִיר, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ דַארְפְן פְּלָאגְן אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט עֶס זָאל אוֹיסְזֶעְן ווי עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ ווִי טֶבַע; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארק בַּאהַאלְטְן אִין דִי וֶועלְט אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן ווִי זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמַאכְט - אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם מֶען זָאל זִיךְ אַיינְרֶעדְן אֵיין רֶגַע אַז עֶס קֶען עֶפֶּעס פַּאסִירְן אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן און בַּאפוֹילְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֻלִּין ז:): ״אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה״, אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל עֶס זָאל פַּאסִירְן, און דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עט, ו; יְרוּשַׁלְמִי שְׁבִיעִית כה:) וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי מִיט זַיין זוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אֶלְעָזָר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי מְעָרָה נָאךְ דְרַייצְן יָאר הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען ווִי אַ פַאנְגֶער שְׁפְּרֵייט אוֹיס זַיינֶע נֶעצְן צוּ כַאפְּן פֵייגְלֶעךְ, זֵיי זֶעעֶן ווִי אַזוֹי עֶר שְׁפְּרֵייט אוֹיס דִי נֶעץ און אַ פֵייגְל וֶוערְט שִׁיעֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אִין דִי לֶעצְטֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט זִיךְ דִי פֵייגְל גֶערַאטֶעוֶועט, נָאכְדֶעם קוּמְט נָאךְ אַ פֵייגְל און זֵיי הֶערְן ווִי עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס זָאגְט: ״גֶעפַאנְגֶען״ און דִי פֵייגְל אִיז גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: ״זֶעסְט, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינְטְשִׁיג פֵייגֶעלֶע קֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל״.

דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט, מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז גָאר נִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אַ וָואגְן פָארְט און עֶס פַאלְן אַרָאפּ שְׁטְרוֹי אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן פּוּנְקְטְלִיךְ וואוּ דִי שְׁטְרוֹי זָאל פַאלְן און וֶוען אַ בְּלֶעטֶעלֶע פַאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל פּוּנְקְטְלִיךְ וואוּ עֶס זָאל פַאלְן; קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים:

"יְדִיעָה", מֶען זָאל וויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דִי זַאכְן עֶס זָאל אוֹיסְזֶעהְן ווִי עֶס אִיז דָא אַ ווֶעלְט, אָבֶּער עֶס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט מִיר זָאלְן אוֹיסְוֶועלְן צוּ טוּן גוּט; דָאס ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים: "בְּחִירָה", דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מֶעגְלִיכְקֵייט אַלֵיינְס אוֹיסְצוּאוֶועלְן צוּ זַיין גוּט אָדֶער פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם - טוּן שְׁלֶעכְטְס; אוֹיבּ טוּט עֶר גוּטְס ווֶעט עֶר הָאבְּן שָׂכָר אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר נִישְׁט גוּט אוּן טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה - ווֶעט עֶר בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווִי קֶען זַיין "בְּחִירָה" מִיט "יְדִיעָה"? ווִי אַזוֹי קֶען דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסְוֶועלְן צוּ טוּן גוּטְס אָדֶער שְׁלֶעכְטְס ווֶען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? ווִי קֶען זַיין אַז אֵיינֶער זָאל קֶענֶען טוּן דֶעם צְווֵייטְן שְׁלֶעכְטְס ווֶען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? אַזוֹי אוֹיךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווִי קֶען זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה יָא טוּן אָדֶער נִישְׁט טוּן ווֶען אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אָנְהֵייבּ יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס גֵייט זַיין? אַלֶעס אִיז דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֵייסְט אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אַלֵיינְס, ווִי קֶען זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְוֶועלְן גוּטְס אָדֶער שְׁלֶעכְטְס ווֶען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער?!

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כא) ווֶען אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, עֶר הֵיילִיגְט זַיינֶע שִׁבְעָה נֵרוֹת; עֶר הֵיילִיגְט זַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל - דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, נָאר דֶעמָאלְט קֶען עֶר פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דִי צְווֵיי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער דִי קַשְׁיָא פוּן יְדִיעָה אוּן בְּחִירָה, ווַייל עֶר טְרֶעפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי בְּחִירָה, עֶר ווֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דָאךְ אִיז דָא אַ בְּחִירָה.

דָאס קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין נָאר דֶער וָואס הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ. מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי אוֹיגְן; מֶען קוּקְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע קוּק, מֶען קוּקְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי אוֹיעֶרְן; מֶען הֶערְט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ רֵיינִיגְט מֶען זִיךְ דִי נָאז; מֶען גְלֵייבְּט אִין דִי ווֶערְטֶער פוּן צַדִּיקִים, מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי מוֹיל; נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קֵיינֶעם, נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט ווֶערְט דֶער מֹחַ לוֹיטֶער אוּן רֵיין, דֶעמָאלְט קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין ווִי

אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט אִינְאֵיינֶעם.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן שְׁלֶעכְטְס פַאר אַנְדֶערֶע, בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אַנְדֶערֶע, זֶענֶען מְצַעֵר אַנְדֶערֶע - וֶועלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר עוֹנֶשׁ; דֶער וָואס אִיז מְצַעֵר אַנְדֶערֶע, דֶער וָואס טוּט רִשְׁעוּת פַאר אַנְדֶערֶע - וֶועט הָאבְּן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶנְדֶע. קֶען זַיין עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ שְׁטִיק צַייט, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶועט יֶענֶער בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ; דָאס אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ פוּן דִי וואוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַלֶעס אִיז דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאךְ אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס?! דָאס אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

ווַאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז אַ פֶּערְצוּפַאל, נָאר יֶעדֶע זַאךְ טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, אוּן אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן אוּן אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט - אִיז אַ פַארְשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דֶער טוּט, ווִי יֶענֶער טוּט, עֶס זֶעט אוֹיס אַז אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט הָאט מֶען פַּרְנָסָה אוּן אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט הָאט מֶען נִישְׁט פַּרְנָסָה, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין; דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין ווַייבּ הָאט נִישְׁט לִיבּ בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוָוארְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דְרֵיי יָאר אַלְט, פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז מַיין לֶעבְּן גֶענְצְלִיךְ גֶעטוֹישְׁט גֶעוָוארְן צוּם גוּטְן, סַיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז פַאר מַיין טַייעֶרֶע ווַייבּ גֶעפֶעלְט נִישְׁט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאכְן; אוֹיסֶער דֶעם וָואס זִי ווִיל בִּכְלַל אַז מִיר זָאלְן זַיין מֶער אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן מָאדֶערְן, זִי הַאלְט

מִיר כְּסֵדֶר פָּאר אַז אִיךְ בִּין צוּ פַארְצַייטִיש און פַאנַאטִיש, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זִי ווִיל זֵייעֶר אִיךְ זָאל זִיךְ "מְסַדֵר" זַיין דִי בָּארְד, וָואס אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דֶעם.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיב אִיךְ זָאל אִיר נָאכְגֶעבְּן און מִיט דֶעם אִיר צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן, אָדֶער וֶועט זִיךְ עֶס נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי דֶעם נָאר גֵיין וַוייטֶער.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְלוֹירְן און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ גוּטֶע עֵצָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, דוּ שְׁפִּירְסְט נֵיי גֶעבּוֹירְן פוּן וֶוען דוּ לֶעבְּסְט מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי ווִי דוּ זָאגְסְט, וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן וֶוערְט דָאס לֶעבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין וַוייבּ וְכוּ׳; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אַזוֹי סַאךְ סְפָרִים אִיבֶּער דְבָרִים שֶׁבֵּינָהּ לְבֵינוֹ, דָאס זֶעלְבֶּע ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת״; וַוייל מֶען דַארְף הָאבְּן אַזוֹיפִיל חִיזוּק און אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ און ווִי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף אִיר כָּבוֹד כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין קְרִיגֶערַייעֶן און זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם דַארְפְן גֶטְ׳ן.

עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז פַאר דַיין וַוייבּ גֶעפֶעלְט נִישְׁט דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ זַאכְן; מִן הַסְתָּם לֵייגְסְטוּ אַרוֹיף אוֹיף אִיר פְרוּמֶע זַאכְן און זִי מֵיינְט אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, דֶערִיבֶּער זָאגְט זִי אַז זִי ווִיל נִישְׁט דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ זַאכְן. וֶוען דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי ווִיל, דוּ וָואלְסְט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן – וָואלְט זִי זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ זַאכְן.

בְּרֶסְלֶב הָאט נִישְׁט מִיט קַיין פְרוּמְקֵייט; אַז אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיסְרֶעכֶענֶען וָואס דֶער רֶבִּי פַארְלַאנְגְט וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט פְרוּמְקֵייטְן וְכוּ׳. וָואס ווִיל שׁוֹין דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז? דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

פון וָוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט וָוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן זָאל מֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ אִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן צו) ; אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּן וֶועט דַיין וַוייבּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר, אַדְּרַבָּה זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן, זִי וֶועט זֶען ווי דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק אוּן דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט אַזוֹי שְׁנֶעל. ווייל וָוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ וֶוערְן גֶערֶעגְט. יֶעדֶע פְרוֹי וָואלְט זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַ מַאן וָואס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, אַ מַאן וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אֲפִילוּ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן ; דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב.

וָואס נָאךְ ווִיל דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז ? דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל ; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג וָוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, קַיין קָאפּ אוּן מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען - דָאךְ זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. מֶען זָאל זָאגְן אוּן זָאגְן בִּיז דֶער מֹחַ וֶועט זִיךְ אֵיין טָאג עֶפֶענֶען אוּן מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען ; אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער לֶערְנֶען. דֶער שְׁוַואכְסְטֶער קָאפּ, דֶער אַיינְגֶעשְׁפַּארְטְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, חַבְרוּתוֹת - קֶען זִיצְן אִין שְׁטוּבּ אַלֵיין אָן קֵיינֶעם ; מֶען נֶעמְט דִי מִשְׁנַיוֹת, דִי גְמָרָא - פַּאר אַ חַבֵר, מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען עֶנְדִיגְט נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא. אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּן, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען - וֶועט דַיין וַוייבּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר, אַדְרַבָּה זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זִי הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַ מַאן וָואס נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט גוּטֶע זַאכְן ; זִי וֶועט נָאר הָאבְּן רֶיוַח פוּן דֶעם וָואס דוּ פָּאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי׳ן. וָוען זִי וֶועט וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין אַמָאל בַּיינַאכְט צוּ אַ חַבְרְ׳טֶע אָדֶער מִשְׁפָּחָה וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין מִשְׁנַיוֹת׳ל, מִיט דַיין גְמָרָא אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער ; וָוען זִי וֶועט וֶועלְן מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּבּ וֶועסְטוּ זִיצְן אִין דֶער זַייט מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים, זִי וֶועט נָאר הָאבְּן רֶיוַח ; דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב.

וָואס נָאךְ ווִיל דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז ? דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) : "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק

הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", און זיךְ שְׁטַארְקְן מיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט זיךְ שְׁטַארְקְן און נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן פון וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אויף דיר, וֶועט דַיין וַוייבּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אויף דיר, אַדְרַבָּה זי וֶועט זיךְ פְרֵייעֶן צוּ לֶעבְּן מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער מַאן. זי וֶועט נָאר מַרְוִיחַ זַיין פון דֶעם וָואס דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן; דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב.

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ; דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, שֵׁיין רֶעדְן און הַאלְטְן טַייעֶר איר כָּבוֹד. אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט אִיר הַאלְטְן טַייעֶר און חָשׁוּב, וֶועט זי נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אויף דיר, אַדְרַבָּה, זי וֶועט זיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט בְּרֶסְלֶב; זי וֶועט דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר מַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב. זי וֶועט שְׁרֵייעֶן צוּ אַלֶע אִירֶע פְרַיינְט: "טְרָאגְטְס אַייעֶרֶע מֶענֶער קַיין בְּרֶסְלֶב, וֶועלְן זֵיי שֵׁיין רֶעדְן צוּ עֶנְק".

וָואס נָאךְ ווִיל דֶער רֶבִּי? דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת; גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר וֶועלְן בַּאלְד צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא, יֶעדֶער דַארְף בַּיים סוֹף צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה - אִיז דָאס לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען קְרִיגְט זיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם וַוייל מֶען ווֵייסְט אַז מֶען אִיז דָא פַאר נִישְׁט צִי לַאנְג, מֶען כַאפְּט אַרַיין גוּטֶע זַאכְן, מֶען כַאפְּט אַרַיין חֶסֶד.

מַאךְ אִיר נִישְׁט פְּרוּם, לֵייג נִישְׁט אַרוֹיף קַיין פְרוּמְקֵייטְן אויף אִיר, צֶעדְרוּק אִיר נִישְׁט; וֶועסְטוּ זֶען ווִי זִי וֶועט זיךְ צוּכַאפְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זִי וֶועט נָאר וֶועלְן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ לֶעבְּן, דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ וֶועג.

בְּנוֹגֵעַ דַיין בָּארְד וְכוּ'; טוּ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעטוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה. וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶר זָאל גֵיין מִיט אַ לַאנְגֶע בָּארְד און אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע פֵּיאוֹת (דֶעמָאלְט, אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן אִין אַמֶערִיקֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי הַיינְט; זֵייעֶר וֵויינִיג זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע פֵּיאוֹת און בָּארְד) הָאט מוֹהֲרָא"ש אַרַיין גֶעקְנִיפְּט דִי בָּארְד און אַרוֹיף גֶעדְרֵייְדְט דִי פֵּיאוֹת אַז זַיין וַוייבּ זָאל זַיין צוּפְרִידְן; מוֹהֲרָא"ש הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן און אֵיין טָאג הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז זִי הָאט אויךְ גֶעוָואלְט דָאס וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָואלְט. זָאלְסְטוּ אויךְ אַזוֹי טוּן, קְנִיפּ אַרַיין דַיין בָּארְד און אַז עֶס שְׁטֶערְט אִיר דִי פֵּאוֹת זָאלְסְטוּ דָאס אַרוֹיף דְרֵייעֶן כְּדֵי עֶס זָאל אִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן און בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל

זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אִיךְ ווִיל הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ לֵיין יֶעדֶע וָואךְ דִי גִּלְיוֹן וָואס אִיר זֶענְט מְתַרְגֵּם אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ; עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, עֶס אִיז צוּם בַּאווּאוּנְדֶערְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ פְּרָטִים וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אַייךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם; אִיךְ ווִיל זַיין מִיט אַייךְ, אִיךְ ווִיל מִיט לֶעבְּן מִיט אַלֶע פְּרָטִים.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט הֲפָצָה אוּן מִיטְ׳ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט אוּן וָואס דוּ ווִילְסְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ לֶעבְּן אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיר בַּאקוּמְט אַ וואוּילֶער חָתָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', יַבְנְאֵל.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר וֶוערְט שׁוֹין אָט אָט אַ כַּלָּה.

אִיךְ הָאבּ מְבַרֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם בָּחוּר, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ וואוּילֶער בָּחוּר; עֶר אִיז אַ בַּעַל מִידוֹת אוּן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, עֶר קוּמְט פוּן אַ גוּטֶע שְׁטוּבּ, אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן עֶר אַלֵיינְס הָאט אוֹיךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים.

עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּקְן אַז אִיר פָּאלְגְט מוֹהֲרַ"ן אוּן אִיר גֵייט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## בֶּעט אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ מִיט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ בֶּעסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ עֶס בֶּעטְן מִיט שִׂמְחָה, נִישְׁט מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ אַז זֵיי בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן זֶעעֶן נִישְׁט וָואס פַּאסִירְט מִיט דִי תְּפִילּוֹת, דָאס אִיז וַוייל מֶען בֶּעט דָאס מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען וֵויינְט פוּן דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט; אַז מֶען בֶּעט מִיט שִׂמְחָה, מֶען וֵויינְט פוּן פְרֵייד - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיין מָאל שַׁדְכָן בַּיי דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען דוּ זָאלְסְט לֶעבְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הָאף צוּ זַיין שַׁדְכָן בַּיי דִיר דוּ זָאלְסְט בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאלְסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט אִין קֶעמְפּ; מִיט תְּפִלָּה בִּיסְטוּ אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' זָאגְט אוֹיף דִיר זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, זִי זָאגְט אַז דוּ בִּיסְט טֵייעֶר אוּן וואוֹיל.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן עֶרְלִיךְ, אֵיידְל אוּן וואוֹיל, וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִיט שִׂמְחָה וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין אַלֶע מַחְלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם

בָּאִין רַק מִקַלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת און אַלֶע קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט און נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, זָאלְסְט הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע הוֹיט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי שְׁטַארְק, זַיי פְרֵיילִיךְ; דוּ דַארְפְסְט נָאךְ אַבִּיסְל וַוארְטְן וְכוּ׳. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָנְגֶעטְרָאגְן דַיין טַאטְן אַ גוּטֶער בָּחוּר, אַ ווּאוּילֶער בָּחוּר אָבֶער מֶען דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל וַוארְטְן.

זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ, זַיי נָאר פַּאזֶעטִיוו; פָאלְג דַיין מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳, הֶעלְף דִי סְקוּל מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ שָׁאד אַרוּמְצוּגֵיין אַזוֹי לַאנְג מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד אַז דוּ גֵייסְט אַרוּם אַזוֹי לַאנְג מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, דוּ טְרַאכְטְסְט אַז דוּ בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ, דוּ שְׁרַייבְּסְט אוֹיף זִיךְ זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער; אַ שָׁאד

זִיךְ צוּ פַּיינִיגְן, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ וואוּיל מֵיידְל, דוּ וֶועסְט זֵייעֶר שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס דוּ ווילְסְט שְׁרַייבְּן אִינֶעם בְּרִיוו אוּן דוּ שְׁרַייבְּסְט טוֹיזְנְט פִּינְטְלֶעךְ וַוייל דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז אִיךְ וֶועל דִיר אַוֶועק וַוארְפְן, דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז אוֹיב דוּ וֶועסְט אַרוֹיס שְׁרַייבְּן דַיין גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס דוּ טוּסְט וֶועסְטוּ פַארְלִירְן דַיין לֶעצְטֶע פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַלֵיינְס דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַלֶע פִּינְטְלֶעךְ אוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳. אֱמֶת, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט, עֶס אִיז בֶּעסֶער זָאלְסְט עֶס נִישְׁט טוּן וְכוּ׳, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט עֶס נִישְׁט טוּן, אָבֶּער אַז דוּ טוּסְט עֶס יָא זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט שְׁלֶעכְט.

זַיי פְּרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן שְׁנֶעל דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**טֵייל אוֹיס דִי בְּרִיוו פַאר דִי בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא בְּרִיוו פַאר דִי בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת; טֵייל אוֹיס דִי בְּרִיוו פַאר זֵיי אוּן זָאג דִי אִיבְּרִיגֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען זֵייעֶרֶע עֶנְטְפֶערְס זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן צַייט, קָאפּ אוּן מֹחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּ עֶנְטְפֶערְן זֵייעֶרֶע בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף זֵיי צוּ עֶנְטְפֶערְן נָאךְ שַׁבָּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## תְּפִלָּה אִיז זָאגְן פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע חָכְמוֹת צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט מִיט אַ תְּמִימוּת, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלט) וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן, שְׁנַת תקע"א, אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן אֵיינִיקְל - יִשְׂרָאלִ'יק, אַ זוּן פוּן שָׂרָה דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער; דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "דַאוֶוען פַאר מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וָואס וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "עֶר פִירְט זִיךְ שׁוֹין ווִי אַ גוּטֶער אִיד", (אַזוֹי פְלֶעגְט מֶען דֶעמָאלְט רוּפְן אַ רֶבִּי - 'אַ גוּטֶער אִיד'), הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן זַיין גָאלְדֶענֶעם זֵייגֶער. יִשְׂרָאלִ'יק הָאט גֶענוּמֶען דֶעם זֵייגֶער אוּן גֶעזָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "גָאט גָאט! לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט", אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְוֶועזְנְד הָאבְּן זִיךְ צֶעלַאכְט, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס לַאכְט אִיר, וָואס דֶען אִיז תְּפִלָּה?!" זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן, ווִי אֵיינֶער פְרֶעגְט: 'דָאס מֵיינְט תְּפִלָּה? אוֹיף דֶעם הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ זֵייגֶער?!' הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס דֶען אִיז תְּפִלָּה?! דָאס אִיז תְּפִלָּה! פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם צוּגֶעלֵייגְטֶע זַאכְן וְכוּ'.

דִי בָּחוּרִים פָּארְן שׁוֹין אַהֵיים דִי וָואךְ, אִיךְ אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה קוּמֶען אַהֵיים קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג כִּי תָבוֹא. עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שֵׁיינֶע זוּמֶער, אַ זוּמֶער פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אַ זוּמֶער פוּן הִתְחַזְקוּת בֶּאֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מָאנְטָאג כִּי תָבֹא וֶועלְן מִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פַאר צְוֵויי וָואכְן, בִּיז מִיר פָארְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ״ס, הוֹיבּ אָן אַ מַסֶּכְתָּא 101 מָאל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס, אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ״ס; דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן און דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע שֵׁיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): ״יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא״, דִי שֶׁענְסְטֶע זְמַן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): ״הָעֲבֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ״, יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז חָשׁוּב׳עֶר פוּן עֶטְלִיכֶע יָארְן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אֵיין מַסֶּכְתָּא און דָאס אִיבֶּערְגֵיין אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, און וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דָאס טוּן מִיט אֵיין מַסֶּכְתָּא זָאלְסְטוּ נֶעמֶען נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען און חַזֶר׳ן גַאנְץ שַׁ״ס הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל.

וָואס דוּ דַארְפְסְט און וָואס דוּ ווִילְסְט - דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ.

זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן; הֶעלְף דַיין טַאטֶע מִיטְ׳ן מְסַדֵר זַיין דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶר מְשַׁמֵשׁ פַארְ׳ן רֶבִּינְ׳ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### נֶעם נִישְׁט אַרַיין קִינְדֶער פַאר צַייטְוַויילִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען קַיין קִינְדֶער פַאר אַ טָאג, צְוַויי, דְרַיי וְכַדוֹמֶה.

דֶעם פְּרָאבְּלֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין מִיט דִי חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל; עֶלְטֶערְן קוּמֶען אוּן גֵייעֶן, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער וִוי מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אַ בָּאלִי.

קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט טְרָאגְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוַוייטְן; אַ קִינְד דַארְף זַיין מְסוּדָר מִיט זַיין מְלַמֵד פוּן אָנְהֵייבּ יָאר בִּיז סוֹף יָאר, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוּם שְׁפִּילְן מִיט דֶעם.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען קַיין קִינְדֶער נָאר דִי וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דִיר פַאר דִי יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם מַסֶכְתָּא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם מַסֶכְתָּא!

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען בִּילְדֶער פוּן דִי שֵׁיינֶע סְעוּדָה פוּן דַיין סִיוּם.

דוּ הָאסְט אַ קְלוּגֶע וַוייבּ, זִי וֵוייסְט וִוי אַזוֹי דִיר צוּ שְׁטַארְקְן זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ קְלוּגֶע פְּרוֹי וָואס אִיז דִיר מְחַזֵק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

לֶערְן וַוייטֶער אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אִין אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל

הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ קִימְפֶּעטָארְן דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דִי בְּרִית פוּן אַייעֶר נֵיי גֶעבּוֹירְן אִינְגֶעלֶע! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל וַואקְסְן אַ צַדִיק, אִיר זָאלְט הָאבּ נַחַת פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר מַאכְט יֶעצְט וַוייטֶער הֲפָצָה וְכוּ׳; יֶעדֶע זַאךְ הָאט זַיין צַייט, יֶעצְט אִיז עֵת לָלֶדֶת, אִיר זֶענְט אַ קִימְפֶּעטָארִין, דַארְפְט אִיר אַבִּיסְל רוּעֶן; אִיר טָארְט נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אִיר טָארְט נִישְׁט מַאכְן קַיין הֲפָצָה, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל.

מֶען מוּז זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת צט:): ״בִּטוּלָהּ שֶׁל תּוֹרָה זֶהוּ יְסוֹדָהּ״; כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין, מֶען זָאל קֶענֶען טוּן גוּטֶע זַאכְן - דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אִיר קֶענְט נִישְׁט יֶעצְט מַאכְן קַיין שׁוּם צַאמְקוּם פַאר פְּרוֹיעֶן, יֶעצְט דַארְפְט אִיר רוּעֶן; נָאךְ אַבִּיסְל וֶוען אִיר וֶועט זַיין גוּט אָפְּגֶערוּט וֶועט אִיר קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים.

בְּנוֹגֵעַ וִוי לַאנְג מֶען דַארְף וַוארְטְן וְכוּ׳; דֶער רְמָ״א (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קצד, סְעִיף א) בְּרֶענְגְט אַ מִנְהָג מֶען זָאל וַוארְטְן פֶערְצִיג טֶעג נָאכְן גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל אוּן אַכְצִיג טֶעג נָאכְן גֶעבּוֹירְן אַ מֵיידְל וְכוּ׳, אָבֶּער דִי פּוֹסְקִים בְּרֶענְגֶען (עַיֵּין בַּאֵר הֵיטֵב שָׁם, סְעִיף קָטָן ג) אַז מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן, מֶען דַארְף נִישְׁט הַאלְטְן דֶעם מִנְהָג.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר מַאן, עֶר וִויל וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ פָארְן אוֹיף אוּמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; יֶעצְט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ מֶען קוֹיפְט, דוּרְךְ וָואס פַאר אַ עֶירְלֵיין,

וַוייל דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנוֹם ווילְן נָאר אָפְּשְׁטֶעלְן דִי נְסִיעוֹת. זֵיי קְרִיצְן מִיט דִי צֵיין יֶעדֶעס יָאר, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט נֶעמֶען דָאס וָואס עֶס הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן אוּן פָאְרן קַיין אוּמַאן, זֵיי ווילְן דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן. הַיי יָאר ווילְן זֵיי דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן מִיט דִי טַעֲנָה פוּן קוֹרוֹנָה, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג בַּיי וֶועם מֶען קוֹיפְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נֶעם נָאר מֶענֶער פַאר אַרְבֶּעטֶערְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ נֶעמֶען גוֹי׳טֶעס, נֶעם נָאר גוֹיִם אַרְבֶּעטֶער; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן גוּטֶע מֶענֶער אַרְבֶּעטֶער.

עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אוֹיבּ מֶען זִיצְט מִיט גוֹי׳טֶעס; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ז): "מַרְבֶּה שְׁפָחוֹת, מַרְבֶּה זִמָּה", אַז מֶען הָאט דִינְסְטְן - בְּרֶענְגְט דָאס צוּ עֲבֵירוֹת; אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט אוֹיס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין יִחוּד אִיז דָאךְ דָא הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה וָואס אִיז עֶרְגֶער פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא כט:): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה", טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז הַארְבֶּער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת; וָואס פֶעלְט אוֹיס אַזַא פַּרְנָסָה?

קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר דִי פַּרְנָסָה מִיט דִי גוֹי׳טֶעס; עֶס קֶען אַמָאל זַיין אַז עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מֶען פַארְדִינְט מֶער גֶעלְט אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט, אוּן אַמָאל אִיז פַארְקֶערְט, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מֶען פַארְדִינְט וֶוינִיגֶער - אָבֶּער אַז עֶס אִיז עֶרְלִיךְ אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן קוּמְט אַרַיין אַ בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אִיבְּרִיג צַייט צוּ רֶעדְן מִיט יֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז אִיר זֶענְט אִין אוּנְזֶער קְהִלָּה.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַאְרוָואס אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִלָּה; אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ רֶעדְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג וְכוּ׳. אִיר הָאט אַ מַאן, אִיר קֶענְט מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן. אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, מִיט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל סְקוּל; דָאס דַארְף אַייךְ נִישְׁט מַאכְן טְרַאכְטְן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט נָאנְט.

וֶוען אִיר ווִילְט עֶפֶּעס פְרֶעגְן קֶענְט אִיר שִׁיקְן אַייעֶר מַאן אִין יְשִׁיבָה מִיר פְרֶעגְן. אוֹיבּ אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס אִיר הָאט צְוִוישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן אוּן אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר קֶענְט דָאס נִישְׁט פְרֶעגְן דוּרְךְ אַייעֶר מַאן וְכוּ׳ קֶענְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן פְּרִיוַואט אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף עֶנְטְפֶערְן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, וָואס אִיר דַארְפְט אוּן וָואס אִיר ווִילְט - זָאלְט אִיר נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת סג.): "אִם בָּא עַל אָדָם צָרָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה, "לֹא יְצַוֵּוחַ - לֹא לְמִיכָאֵל, וְלֹא לְגַבְרִיאֵל, אֶלָּא לִי יְצַוֵּוחַ, וַאֲנִי עוֹנֶה לוֹ מִיַּד", זָאל עֶר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן - נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ מִיכָאֵל, נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ גַּבְרִיאֵל, נָאר צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס.

רֶעדְטְס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט אוּן הֶערְט אוֹיס אַלֶע שְׁפְּרַאכְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ב, טז): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ז): "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה׳ אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ שִׁיף וָואס דֶערוֹיף זֶענֶען גֶעפָארְן גוֹיִם, נָאר אֵיין אִיד הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיף דֶעם שִׁיף; אִינְמִיטְן וֶועג אִיז דֶער שִׁיף פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד, נָאכְן אַנְקֶערְן זֶענֶען דִי גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען צוּם אִיד אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "מִיר בֶּעטְן אַייךְ, נֶעמְט פוּן

אוּנְז גֶעלְט און קוֹיפְט פַאר אוּנְז עֶסְן, וַוייל מִיר הוּנְגֶערְן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט", הָאט דֶער אִיד גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי מִיט וואוּנְדֶער און גֶעפְרֶעגְט: "בִּין אִיךְ דֶען נִישְׁט אַ גַאסְט דָא פּוּנְקְט וִוי אַייךְ? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, אִיךְ בִּין אַ פְרֶעמְדֶער דָא פּוּנְקְט וִוי אַייךְ..." הָאבְּן אִים דִי גוֹיִם פָארְגֶעהַאלְטְן און גֶעזָאגְט: "יֵשׁ יְהוּדִי אַכְסְנַאי, בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה הוֹלֵךְ אֱלֹקֶיךָ עִמְּךָ", וָואס הֵייסְט אַ אִיד אִיז פְרֶעמְד? וואוּ אַ אִיד גֵייט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו", וַוייל וואוּ אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים און אוֹיף וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶנְטְפֶערְט עֶר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם): "בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו - בְּכָל לָשׁוֹן שֶׁיִּשְׂרָאֵל קוֹרְאִין לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹנֶה אוֹתָם", אוֹיף יֶעדֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְטְפֶערְט עֶר אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז מֶען שְׁווימְט נִישְׁט בִּצְנִיעוּת, קֶען מֶען נִישְׁט נוּצְן דִי שְׁוִוים בַּאסֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט אַז מֶען פָּאלְגְט מִיר נִישְׁט, מֶען שְׁווימְט נִישְׁט בִּצְנִיעוּת; וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן און מֵיידְלֶעךְ אַז מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט קֶענֶען נוּצְן הַיי יָאר זוּמֶער דֶעם סְווימִינְג פּוּל.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אַז מַיינֶע אֵייגֶענֶע תַּלְמִידוֹת פִירְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן.

...

**פִיר זִיךְ צְנִיעוּת'דִיג אַזוֹי וִוי דַיין מַאמֶע הָאט דִיר גֶעלֶערְנְט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב, ווילְיַאמְסְבּוּרְג.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן פוּן קֶעמְפּ, ווי דִי מֵיידְלֶעךְ פִירְן זִיךְ בְּאַחְדוּת, מֶען אִיז מְקַרֵב יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע מֵיידְל.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן אָנְטוּן אַ בֶּעדִינְג סוּט אוּנְטֶערְן שְׁווִים קְלֵייד; אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ שְׁרַייבְּן אָדֶער רֶעדְן פוּן דֶעם נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט אַלֶע יָארְן דָאס וָואס צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם קְלֵייד, אַז דָאס אִיז אַ פְּרִיצוּת'דִיגֶע קְלֵייד.

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס עֶס גֵייט פָאר; וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה? וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ? ווי אַזוֹי שְׁווימְט מֶען? הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז נִישְׁט אַלֶע טוּעֶן מַיין ווילְן, נָאר גֶעצֵיילְטֶע מִשְׁפָּחוֹת פִירְן זִיךְ מִיט צְנִיעוּת אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה - דוּ מִיט דַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס זֶענֶען פוּן דִי וָואס טוּעֶן נִישְׁט אָן דִי פְּרִיצוּת'דִיגֶע קְלֵייד.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן; דַיינֶע עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן גָאר גוּט וָואס צְנִיעוּת אִיז, זֵיי פִירְן דִי מִשְׁפָּחָה זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג, זָאלְסְט שְׁווימֶען אַזוֹי ווי דַיין מַאמֶע הָאט דִיר גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיין שְׁוֶועסְטֶער וֶוערְט אַ שְׁנוּר בַּיי אוּנְז לְמַזָל טוֹב; דָאס אִיז אוּנְזֶער צִיל, זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ אוּן אִידִישׁ.

בְּנוֹגֵעַ תְּהִלִּים; זוּךְ נִישְׁט צוּ עֶנְדִיגְן, זָאג לוֹיט דַיין וֶועג; זָאג תְּהִלִּים וִויפִיל דוּ קֶענְסְט. תְּהִלִּים אִיז נִישְׁט קַיין קַאנְטֶעסְט - וֶוער עֶס קֶען עֶנְדִיגְן מֶער מָאל, תְּהִלִּים אִיז גֶעבֶּעטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דֶערְמַאנְט אַייךְ וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט דַיין וַוייבּ דִיר לָאזְן פָּארְן קַיין אוּמַאן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז מִיר אַ חִידוּשׁ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט, אַז דַיין וַוייבּ אִיז דִיר אַ מְעַכֵּב צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; זִי אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט דִיר אִינְאֵיינֶעם אוּן זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט, זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי קוּמְט אִיר לֶעבְּן פַאר'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זִי הָאט אַזוֹי לִיבּ בְּרֶסְלֶב, אִיר לֶעבְּן אִיז גֶעוָוארְן נֵיי, אִיר לֶעבְּן אִיז גֶעוָוארְן זִיס אוּן צוּקֶער; וִוי קֶען זַיין אַז זִי זָאל דִיר נִישְׁט לָאזְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן? עֶפֶּעס שְׁטִימְט נִישְׁט, עֶפֶּעס פְּרָטִים פֶעלְט פוּן דַיין בְּרִיוו.

קֶען זַיין אַז זִי ווִיל יָא דוּ זָאלְסְט פָּארְן נָאר עֶס אִיז אִיר שְׁוֶוער צוּלִיבּ אִיר מִשְׁפָּחָה; אִיר מִשְׁפָּחָה מַאכְט חוֹזֶק פוּן אִיר, אִירֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן חוֹזֶק, זֵיי טְשֶׁעפֶּען אִיר מִיט בְּרֶסְלֶב, מִיט אוּמַאן; דָאס מַאכְט עֶס זָאל דִיר אוֹיסְזֶען אַז זִי ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט פָּארְן קַיין אוּמַאן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת ווִיל זִי יָא דוּ זָאלְסְט פָּארְן קַיין אוּמַאן, זִי דַארְף נָאר דַיין חִיזוּק, זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט אִיר שְׁטַארְקְן זִי זָאל עֶס טוּן מִיט שִׂמְחָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ; רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, שְׁמוּעֶס מִיט אִיר יֶעדְן טָאג וָואס אִיר בַּאקוּמְט פוּן רֶבִּי'ן. דֶערְמַאנְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם ווִי אַזוֹי אַייעֶר לֶעבְּן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פַאר אִיר הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, זִי וֶועט הָאבְּן דִי כּוֹחוֹת מִיט צוּ גֵיין מִיט דִיר אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן אִיר מִשְׁפָּחָה.

בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ פוּן אוּמַאן; דוּ דַארְפְסְט רֶעדְן מִיט אִיר נָאכְאַנַאנְד פוּן דָאס לֶעבְּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט, וֶועט זִי זַיין דַיין עֵזֶר, זִי וֶועט דִיר שְׁטוּפְּן צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע גְרוּסְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בֵּית שֶׁמֶשׁ.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרוּסְן וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אוֹיף אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן, וְוי עֶר לֶערְנְט אוּן הֶעלְפְט אַייךְ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ אַייעֶר מַאן; אִיךְ הָאף אִים צוּ זֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## רֶעדְטְס צוּ אַייעֶר מַאן זֵייעֶר אָפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶרֶע בְּרִיוו צֶערַייסְן מִיר אוֹיף שְׁטִיקֶער; אִיךְ וֵויְיס אַייךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס אַייעֶר צַעַר, אִיךְ וֵויין פַאר אַייךְ, אִיךְ וֵויין פַארְוָואס אִיר דַארְפְט אַזוֹי שְׁטַארְק לַיידְן פוּן אַייעֶר מַאן.

קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט אַז אִיר דַארְפְט לַיידְן; רֶעדְטְס צוּ אַייעֶר מַאן זֵייעֶר אָפְן, זָאגְטְס אִים אַז אִיר קֶענְט נָאר לֶעבְּן מִיט אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט שֵׁיין אוּן וֵוייךְ. אוֹיבּ קֶען עֶר טוֹישְׁן דִי וֶועג וְוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט צוּ אַייךְ, עֶר וֶועט אַייךְ מְכַבֵּד זַיין - אִיז גוּט אוּן אַז עֶר פִירְט זִיךְ מִיט אַייךְ אוֹיף דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶועג קֶענְט אִיר וַוייטֶער נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אִים, אִיר גֵייט צוּרִיק אַהֵיים.

עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ רֶעד אַזוֹיפִיל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ וֵויין צוּ דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן שֵׁיין רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ - פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי צוּ אַייךְ.

שְׁטַארְקְטְס זִיךְ אוּן וֶוערְטְס נִישְׁט צֶעפַאלְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ

נִישְׁט אָפְּלָאזְן.

...

## אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ דוֹר פוּן רֵיינֶע הֵיילִיגֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס זָאלְן לִיב הָאבְּן צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אַ בֶּעידִינְג סוּט אִיז אַ קְלֵייד פוּן פְּרִיצוּת, עֶס טָאר נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אַ הֵיילִיגֶע רֵיינֶע אִידִישֶׁע קֶערְפֶּער; אֲפִילוּ אוּנְטֶערְן שְׁוִוים קְלֵייד.

עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אַז נָאכְן שְׁרַייבְּן אַזוֹיפִיל מָאל פוּן דֶעם הַאלְט אִיךְ נָאךְ בַּיי א׳; מַיינֶע תַּלְמִידוֹת וֵוייסְן נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע קְלֵייד.

בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד קֶען מֶען נִישְׁט שְׁווִימֶען נָאר מִיט אַ שְׁוִוים קְלֵייד; וֶוער עֶס שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז צוּ אַלְטְמָאדִישׁ, עֶס אִיז צוּ כְּנְיָאקִישׁ, צוּ פְרוּם - דַארְף זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁווִימֶען, אַן אַנְדֶערֶע קְהִילָה.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא אַז קִינְדֶער דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט טֵייץ פוּן דִי דְרֵיי יָאר; מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט שְׁטְרוּמְפּ. אוֹיב אִיז דָאס אוֹיךְ צוּ פְרוּם קֶען מֶען זוּכְן אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת וואוּ מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דֶעם.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר אָנְקוּמֶען צוּ מַיין צִיל; עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ רֵיינֶע דוֹר, אַ דוֹר פוּן רֵיינֶע הֵיילִיגֶע מֵיידְלֶעךְ, אֵיידֶעלֶע וַוייבְּלֶעךְ - וָואס זָאלְן לִיב הָאבְּן צְנִיעוּת, לִיב הָאבְּן אֵיידְל אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אִידִישְׁקֵייט. זֵיי זָאלְן זִיךְ פַּארֶעקְלֶען פוּנֶעם גוֹי, נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיטְ׳ן גוֹי טָמֵא אוּן נִישְׁט אָנְטוּן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער וָואס בְּרֶענְגֶען אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע מַחְלוֹת.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת מַיינֶע וֶוערְטֶער.

...

Keren Hadfusa of Breslev
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205-1509
P: 718-387-2691
Email: Mail@kerenhadfusa.org